בעזהשי"ת

# דינער
# ומעמד
# הכרת הטוב

א' בא כ"ז טבת תשע"ב לפ"ק
אנטווערפען יצ"ו



יו"ל לרגל

# דינער ומעמד הכרת הטוב

דקהל יטב לב דסאטמאר אנטווערפען

א' בא תשע"ב לפ"ק

CONG. YETEV LEV
D'SATMAR
ANTWERPEN BELGIUM

קהל יטב לב
דסאטמאר
אנטווערפען יצ"ו

# בריך מתייך לשלם

בברכת התורה ובשמחה רבה הננו מקדמים בכבוד הראוי
את פני הדרת גאון האי גברא רבא, יום יום אליו ידרשון,
איש חי ורב פעלים מקבציאל, אוצר כל כלי חמדתא,
על ישראל הדרתו, עומד לנס קהילתו,
חן הוצק בשפתותיו, מפורסם בשיעוריו ובדרשותיו,
מיישר הלבבות, בדרשותיו הנלהבות, כש"ת

**כבוד הרב הגאון המפורסם פה מפיק מרגליות**

## רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א

**חדב"נ, ורב ומו"צ ביהמ"ד ישמח משה קרית יואל יצ"ו**

**לרגל הופעתו כבוד בשערי עירנו המעטירה יצ"ו**
**למעמד הדינער המפואר**
**לטובת "קרן הבנין" דבית מדרשינו הגדול**

**יהא בואו לברכה להרמת קרן התורה והיראה**

ביקרא דאורייתא
הנהלת הקהלה

# אות הכרת הטוב

הננו בזה להביע עמקי תודתינו

## אל הנדיבים החשובים

רודפי צדקה וחסד

## מפה עירנו יצ"ו

אשר בנדבת לבם הטוב

## זכו לקנות הזכותים

### בבנין בית מדרשינו

שער הבנין הראשי

חדר תפילה א'

חדר תפילה ב'

ארון הקודש בביהמ"ד הגדול

בימה בביהמ"ד הגדול

ישלם ד' פעלם לטובה ולברכה
וזכות המצוה רבה שמקימין בית של תורה עבודה וגמילות חסדים
יגן עליהם להתברך בכל מידי דמיטב
בבני חיי אריכי ומזוני רויחי ועושר ואושר מרובה
וחיי נחת וסייעתא דשמיא וכט"ס

החותמים בהכרת הטוב

## הנהלת קהל יטב לב

בס"ד

# איינליידונג

צום ערשט ווילן מיר אייך גאר העפליך מקבל פנים זיין פארן קומען אטיילנעמען אינעם גראנדיעזן דינער לטובת די "קרן הבנין" פונעם ביהמ"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר, און די אלע פארשידענע חשוב'ע פראיעקטן וואס וועלן מיטן אויבערשטן'ס הילף אהערגעשטעלט ווערן אין די גרויסע בנינים אין צענטער פונעם היימישן געגנט אויף די שארלאטעליי גאס.

מיר בעטן אייך אדורכצולייענען די פאלגענדע שורות, ווי מיר וועלן פרובירן אין קורצע ווערטער צו שילדערן טייל פון די פראיעקטן וועלכע וועלן בעז"ה אהערגעשטעלט ווערן אין די בנינים, פון וואס 'אלע' תושבי העיר שיחי' וועלן אי"ה נהנה זיין, זה בכה וזה בכה.

## היכל התורה ללימוד התורה אין אלע שעה'ן פון טאג

ווי די פלאן לויטעט, וועט אונטערן "היכל בית המדרש הגדול" נעבן די מקוה, אויפגעשטעלט ווערן א פראקטפולער און רחבות'דיגער **"היכל התורה"**, וואס וועט זיין מוקדש בלויז פאר לימוד התורה במשך פון 24 שעה א טאג. עס וועט זיין אויסגעשטעלט אז מען זאל קענען זיצן און לערנען מיט הרחבת הדעת, און נישט צו ווערן געשטערט.

עס איז גענצליך איבריג מסביר צו זיין די געוואלדיגע נחיצות פון אזא 'היכל התורה', און די געוואלדיגע תועלת און הנאה וואס אלע תושבי העיר וועלן בעז"ה האבן דערפון. אפי' יעדער האט זיך טאקע זיין אייגענעם ביהמ"ד, דאך זענען דא פארשידענע זמנים ווען מען קען זיך נישט קובע זיין צו לערנען אינעם היכל הביהמ"ד, צוליב'ן געשטערט ווערן פון מניני תפלה וכדו'. און אזא 'היכל התורה' וועט זיין מיוחד 'בלויז' פאר לימוד התורה, און ווען אימער א איד וועט נאר וועלן זיך אראפזעצן און לערנען מתוך הרחבת הדעת, וועלן די שערים פונעם הערליכן און ליכטיגן היכל זיין אפן פאר איהם.

אזוי אויך זענען דא אסאך מאל וואס אידן פון איבער די שטאט זיכן פארשידענע ספרים, און מען דארף גיין פון איין ביהמ"ד צום אנדערן כדי צו טרעפן מה שלבו חפץ. אינעם 'היכל התורה' וועט זיין א "אוצר הספרים" פון פיהלע הונדערטער ספרי קודש אין אלע מקצועות התורה, ספרי שו"ת, ספרי הלכה, ספרי גדולי הראשונים והאחרונים, און אזוי ווייטער. **ווי פארשטענדליך וועלן אידן פון איבער די גאנצע שטאט גאר שטארק נהנה זיין פונעם 'היכל התורה'.**

אין די לעצטערע תקופה האבן מיר ב"ה געעפענט דעם **"בית הוראה"** בבנין ביהמ"ד, ווי עס זיצן די חשוב'ע מורי הוראה הרה"ג רבי מאיר וויינבערגער שליט"א און הרה"ג בנש"ק רבי ליפא טייטלבוים שליט"א, און ענטפערן די שאלות לשואלים את דבר ה' זו הלכה, און פיהלע אידן פון איבער די גאנצע שטאט - הויפטזעכליך חשוב'ע אברכים יקרים - קלאפן אן אויף די טויערן פונעם 'בית הוראה' לדעת את המעשה אשר יעשון.

כדי נישט צו שטערן די אנדערע סדרי הלימודים און מנינים אינעם ביהמ"ד, וועט אויך צוגעשטעלט ווערן א עקסטערע **"חדר השיעורים"**, אין וועלכן עס וועט אי"ה רעגלמעסיג געגעבן ווערן שיעורים בהלכה ובאגדה. אזוי אויך וועט אהערגעשטעלט ווערן א עקסטערן **"היכל הכולל"** פאר די חשוב'ע אברכים פונעם סאטמארן כולל, בראשות הראה"כ הרה"ג רבי ישכר בעריש קאהן שליט"א, ווי די

חשוב'ע כולל אינגעלייט וועלן קענען לערנען מתוך הרחבת הדעת אן קיין שום שטער.

## חדרי תפלה פאר פיהלע מניני שחרית מנחה און מעריב

אינעם בנין הביהמ"ד וועט אי"ה זיין צוגעשטעלט אויף א גאר פראקטישן און באקוועמען פארנעם עטליכע **"חדרי תפלה"**, אין וועלכן עס וועלן אי"ה פארקומען כסדר'דיגע מנינים בימות החול, פאר די תפלות שחרית, מנחה און מעריב. און פארשטענדליך וועלן פיהלע אידן נהנה זיין פון די סדר המנינים.

## הערליכער און פראקטפולער "מקוה"

ועל כולם וועט אי"ה אויפגעשטעלט ווערן די הערליכע **"מקוה"**, וואס וועט אי"ה זיין אויסגעשטעלט אויף א ברייטן און הערליכן פארנעם, מקום רחבת ידים.

אסאך אידן מתושבי העיר, דערונטער די פיהלע שכנים צו אונזער ביהמ"ד, וועלן נהנה זיין פון די הערליכע מקוה מדי יום ביומו, און אין די ערבי שבת ויו"ט.

## ביליגע "שמחה זאל"

אינעם בנין וועט אי"ה אויך צוגעריכט ווערן א שיינע 'שמחה זאל' וואס וועט פארדינגען ווערן פאר בעלי שמחה בלויז פאר 'קאסט-פרייז', כדי אזוי ארום צו פארלייכטערן און פארגרינגערן פאר אחינו בני ישראל תושבי עירנו שיחי' בעת שמחתם. און ווי פארשטענדליך איז אזא 'זאל' גאר נויטיג ביי אונז אין שטאט, ווי די מצב הפרנסה איז ליידער געפאלן, און אידן זיכן צו שפארן פון אומזיסטע הוצאות בעת שהשמחה במעונם.

## חדר הגמ"ח

א עקסטערע צימער וועט דינען אלס 'חדר הגמ"ח', אין וועלכן עס וועט זיין סטאנציאנירט די גמ"ח ארויסצוהעלפן אידן מיט פארשידענע הלוואות בעת הצורך.

*

לאור די אלע גרויסע פראיעקטן וועלכע וועלן אהערגעשטעלט ווערן, וואס דאס נעמט אריין אין זיך די דריי עמודי עולם וואס די גאנצע וועלט שטייט אויף דעם "תורה עבודה און גמילות חסדים", אפעלירן מיר צו תושבי עירנו שיחי' צו נעמען א טייל מיט גרעסערע סכומים און אפקויפן 'זכותים' בבנין בית מדרשינו, ווי עס ווערט שפעטער אויספיהרליך דעטאלירט אינעם קונטרס.

אזוי אויך ווערט פארקויפט 'זכותים' פון אפקויפן שטיינער אינעם בנין, ווי "אבני זהב" "אבני כסף" "אבני נחושת" א.א.וו. (ווי עס ווערט דעטאלירט אינעם קונטרס) און די אלע נדבנים החשובים שיחי' וועלן נקבע ווערן בשמותם למזכרת עולם אויף א גרויסן טאוועל אינעם בנין.

**ספעציעל אפעלירן מיר גאר שטארק צו אלע תושבי עירנו החשובים רודפי צדקה וחסד שיחי' זיך אנצורופן און נעמען א טייל אינעם היינט נאכטיגן דינער מיטן סכום פון €100 קעש.**

## הכרת הטוב

אין די זעלבע צייט דינט אויך די "מעמד הדינער" אלס **"הכרת הטוב"** אויסצודרוקן אונזערע דאנקבארקייט געפיהלן און הכרת הטוב פאר די חשוב'ע נדיבי לב רודפי צדקה וחסד שיחי' תושבי עירנו, וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן מיט גרעסערע סכומים, און אפגעקויפט פארשידענע זכותים

אינעם בנין (זעהט שפעטער אינעווייניג אינעם קונטרס), און אזוי ארום געהאט די זכי' צו נעמען א חלק אין די פעולות פון תורה און חסד וואס וועט בעז"ה אויפגעשטעלט ווערן לשם לתפארת ולתהלה.

אין די זעלבע צייט וועט אויך ארויסגעברענגט ווערן אונזער דאנקבארקייט פארן געטרייען ארכיטעקט מו"ה דניאל ווערנער הי"ו, וועלכער האט שטארק עוסק געווען מיט א זעלטענע געטריישאפט מסדר צו זיין די בוי-פלענער און אלעס ארום.

## מסיבת הדינער הוקדשה לע"נ מרן הגר"ח קרייסווירטה זצ"ל

די 'מסיבת הדינער' איז מוקדש געווארן לעילוי נשמת דעם אומפארגעסליכן מרא דאתרא ואב"ד פון די חרדי'שע קהלה "מחזיקי הדת" מרן הגאון רבי חיים קרייסווירטה זצ"ל.

אין די איצטיגע וואכן איז אפגעצייכנט געווארן א תקופה פון צעהן יאר זינט דער אומפארגעסליכער מרא דאתרא איז נתבקש געווארן לישיבה של מעלה ועלה בסערה השמימה ביום ט"ז טבת שנת תשס"ב לפ"ק.

אין יעדן ענין וואס מען קען נאר ארומרעדן איבער'ן מרא דאתרא זצ"ל איז דא צו רעדן א געוואלד. ער איז געווען א יחיד בדורו אין תורה, זייענדיג דער מרא דכולה תלמודא בקי בכל חדרי התורה און גאון הגאונים, אויף א פארנעם וואס איז געווען א שם דבר איבער די גאנצע וועלט.

אויך איז ער געווען דער 'יחיד בדורו', זייענדיג דער עמוד ושר הצדקה והחסד, יכלה הזמן והם לא יכלו אויסצורעכענען זיינע פילצאליגע פעולות פאר'ן יחיד און פארן רבים. שווערע און אסטראנאמישע סכומים זענען דורך איהם פארטיילט געווארן פאר צדקה בגלוי ובסתר.

אריבער פופציג יאר האט ער געדינט אלס מרא דאתרא דא אין שטאט, ווי ער האט מרומם געווען דעם קרן התורה והיראה אין שטאט אויף א געוואלדיגן פארנעם, און איז געווען געשעצט ביי אלע גדולי הדור נבג"מ ולהבחל"ח שליט"א. מען קען מיט רעכט זאגן אז 'לא הניח תמורתו' מיט זיין געוואלדיגע השלמה און גדלות בכל הענינים, און עס איז צום האפן אז בשמי מרומים וועט ער מליץ יושר זיין פאר די גאנצע שטאט ברוחניות ובגשמיות.

**זכר צדיק לברכה**

**החותמים ביקרא דאורייתא,**

# וועד קרן הבנין

**שע"י קהל יטב לב דסאטמאר פה אנטווערפען יצ"ו**

# ברכת תודה וברכה

הננו בזה להביע עמקי תודתינו אל מע"כ

ידידינו היקר והנכבד כשמן הטוב תורק שמו

## ר' דניאל ווערנער הי"ו

ארכיטעקט של בנין בית מדרשינו

---

על התמסרותו הנפלאה

## לרשום הפלענער

של בנין בית מדרשינו

---

ובע"ה שראה ברכה בעמלו והוצתא מתחת ידו דבר נאה ומתוקן

ישלם ד' פעלו לטובה ולברכה ויהי' משכורתו שלימה מאת ד'

החותמים בהכרת הטוב

**הנהלת קהל יטב לב**




Architect Daniel Werner - Antwerpen

# בית המדרש
## דקהל יטב לב דסאטמאר
## קעלער

① היכל התורה - חדר הלימוד
② מקוה
③ ביה"כ

④ בית התבשיל מנוחה ושמחה
⑤ וועסטיער
⑥ קאווע שטיבל
⑦ חדר הגמ"ח




# בית המדרש
דקהל יטב לב דסאטמאר

## קומת קרקע
## והצי קומה

1. ביהמ"ד הגדול
2. עזרת נשים
3. חדר תפלה א'
4. חדר תפלה ב'
5. חדר תפלה ג'
6. אולם השמחות
7. וועסטיער
8. טרעפ צום קעלער/מקוה




Architect Daniel Werner - Antwerpen

## בית המדרש
דקהל יטב לב דסאטמאר

## צווייטע שטאק

1. היכל הכולל
2. בית התבשיל הגדול
3. ביליגע שמחה זאל
4. ביה"כ
5. וועסטיער
6. עירקאנדישען / ווענטילאציע

בס"ד

# לפנינו רשימת הזכויות שנרכשו,







1 שם הבנין ........................ נמכר (לונדון-ניו יארק)

2 היכל ביהמ"ד הגדול ............ נמכר (וויען)

3 מקוה .................... לכלכל הוצאות בניית המקוה

4 היכל התורה.......... לכלכל הוצאות בניית היכל התורה

5 היכל הכולל ....................... $ 250.000

6 אולם הגדול - קומה א' ......... $ 250.000

7 חדר תפילה א' ................. נמכר (אנטווערפען)

8 שער הבנין הראשי ............. נמכר (אנטווערפען)

9 חדר תפילה ב' ................... נמכר (אנטווערפען)

10 שער ב' החיצון.................. $ 150.000

11 אולם השמחות קומה ב' ........ $ 150.000

12 חדר תפילה ג' ..................... נמכר (לונדון)

13 שער היכל ביהמ"ד .............. $ 125.000

14 שער היכל התורה................ $ 100.000

15 אוצר הספרים בהיכל התורה...(לכלכל קניית הספרי

16 עזרת נשים ........................ $ 100.000

17 ארון הקודש בביהמ"ד הגדול..נמכר (אנטווערפען)

18 בית התבשיל הגדול............. $ 72.000

19 בית הוראה ........................ $ 54.000

20 קאווע שטיבל..................... $ 54.000

# והעומדים לרכישה בבנין בית מדרשנו




## ערשטע שטאק




## צווייטע שטאק

21 נר למאור בביהמ״ד הגדול...... $ 50.000

22 בימה בביהמ״ד הגדול.......... נמכר (אנטווערפען)

23 ארון הקודש בפאליש הגדול... $ 50.000

24 בית התבשיל מנוחה ושמחה... $ 36.000

25 חדר הגמ״ח........................ $ 36.000

26 ארון הקודש בחדר ב׳............ $ 36.000

27 שער הפאליש הגדול........... $ 36.000

28 שער חדר ב׳........................ $ 36.000

29 שער חדר ג׳........................ נמכר (לונדון)

30 עמוד תפילה בביהמ״ד הגדול . נמכר (לונדון)

31 בימה בפאליש הגדול........... $ 25.000

32 בימה בחדר תפילה ב׳........... $ 20.000

33 עמוד תפילה בפאליש הגדול.. $ 18.000

34 עמוד תפילה בחדר ב׳ .......... $ 15.000

35 עמוד תפילה בחדר ג׳............ $ 15.000

בס"ד

# ונתתי לכם בביתי ובחומותי יד
# ושם טוב מבנים ומבנות

## קויפט אייך איין די אומשאצבארע זכות
## אבנים בבנין בית מדרשינו

**אבני זהב 5000 €**

**אבני כסף 2,500 €**

**אבני נחושת 1000 €**

**די זכות הנצחה בלייבט לעולמי עד !**

# קריאה נרגשת

צו אלע משתתפים ביים
דינער ומעמד הכרת הטוב

**ביטע נעמט א חלק אין די פילע פעולות פון תורה**
**עבודה וגמילות חסדים**
**וואס וועט אי"ה ווערן אויפגעשטעלט**
**בבנין בית מדרשינו**

## זייט אייך משתתף ביים דינער
## מיט די סומע פון 100€
## אויפן פלאץ

און דעם זכות וועט איר געהאלפן ווערן מיט חיי נחת
וסייעתא דשמיא וכט"ס

